# פּיניעלע מזיק
## גיט רשון



יאטן, צ'זאלץ וויסן, אז איך בין האנט שטאריק נערוועיאיש. אז איך על ענק פאציילן עט עץ אכעט ווערן נערוועיאיש.

העיערץ יאטן, א מאנסע:

אין ריצרועל עט פאקימן א מאקיבאידע. קא טיילנוביב פורן זיך צינאזאמעט יאטן פין דער גאנ־צער וועלט און פין לארזש אכיט.

צ'וויסץ כאדזשביג, וואס דוס איז א מאקיבאי־דע? דוס איז אזא יאנטיף, פין באקסערם, קאפיערם, לויפערס שווימערם, אזן ־ בראכערם, אין אנדערע קינצנמאכערם. דארט אין טיילנוביב, עט מע טאנצן שפרינגן, האפסן, כמאליען זעך אין די מארדים, מעט בייגן אזענע דרעננער — סעט זאן לעיבידיק אין ליסטיק!

ני, בין איך אליינט גינאנגען צו די באקאקא־מאנדע, זיי אבן זעך צינאזאמעט גינימען אין א פראיינד (געמיינט: פעראיין) וואס הייסט בעקא...יא, צ'וויים שוין—מעקאקאבי אבן אסניקליבן בלויז וויל מער בין קאניין באליטער יאט ניש גיוואלט פא־שראבן.

ני, בין איך אליינט גיאנגען צי די באקאקא־ביאנער אין אב צי זיי אזוי גיזוגט:

— העיערץ מיך אעס, ווילקער קינצנמאכערם, איך הייס פּיניעלע מאזיק, איך בין דער פאשטעיער פין גאנץ באליט אין פין שמולן געסל. איך בין ענק ניקימן פרעיגן איין זאך: צאיז ענק גימאכט א מע־קעבאידע אי ריצרועל טא ווי זענע מיר באליטער? כמאליען אין די מארדעם קענע מיר, באליטער, בע־סער פין ענק ווילקער, טאנצן, שפרינגן, בראכן אזן קענע מיר אכעט בעסער פין ענק — די אלע מישי־גינע קינצן קענע מיר, באליטער יאטן, בעסער פין ענק ווילקער, טא פארוואס זאלן מיר באליטער ניש פורן אף דעיער מאקעבאידע קא ריצרועל, פאוואוע!? איך זוג ענק, אז אויב עץ עט ניש מיטנעמען א באלי־טער דילינאט, עלן מיר ענק מאכן א מאקעבאידע דו אין לארזש — צ'העיערט?

אזוי אב איך גיזוגט דעים פרעזוס פון מאקא־קאבי, זענט עץ ציפרידן פין ענקער באליטער פא־שטעיער, פּיניעלע מאזיק?

דערוואל אציץ מיר א גיטן שאבים און זאציץ מיר גיזונט.

---

## ביי א „פּול משארני"
### שמועס צווישען יונגע בעל־הבית'לעך

— נו, מעניעק, ווי גענט עס דיר מיט דיין יונג ווייבעל?

— אויסגעצייכענט! מיר לעבען אזוי ווי מיר וואלטען געווען גע'גט.

# איך האב א „כריפּקע"...
## פון גראף קאלי

צוליב ענדערונג פון וועטער
וואו א שטוב איז דארט די „גריפּקעי"
ווי דער „פּיהרערי" דארט אין דייטשלאנד
האב איך אויך געכאפּט די „כריפּקעי"...

איך בין הייזעריג בגותי,
און די באקען מיינע פלאמען
דאכט זיך, אז איהר דארפט דערקענען
לויטן קלאנג פון מיינע גראמען...

ס'איז מיין מוזע שטארק „פערטשאדעטי"
און מיין נאז איז רויט ווי צונטער
מיינע ריכטערישע רעיונות
הינקען איצט אביסעל אונטער...

און דערצו נאך זיך צו וויצלען
איז קיין צייט נישט קיין בעקוועמע...
מילא... מא... איך האב א כריפּקע
זאל זי דינען פאר א טעמא...

ערשטענס, טאקע איז די „כריפּקעי"
פּאפּולער און שטארק אין מאדע....
אויסגעפּרובט פאר לאדזער גבירים
אלס א גלענצענדע מעטאדע...

קומט מען זיי למשל, בעטען
פאר א צוועק גאר א בעוואוסטען
גלייך בעקומען זיי די „כריפּקעי"
און זיי הויבען אן צו הוסטען..

לאדזער יודישער טעאטער
„כריפּעטיי שוין פון לאנג, א קראנקעס,
די דאקטוירים־גאסטראליארען
העלפען ווי א טויטען באנקעס...

* * *

נאך דערפאר אין „מלכות יבני"
איז קיין „כריפּקעי נישט פאראן,
דארטען דונערט מיט הארמאטען

אזש עס טרייסעלט דער באלקאן...
דאס איז נישט קיין רעוואלוציע
און קיין קאמף פאר פרייהייט, ניין!
כאטש מען בויקערט זיך די זייטען
און מען ברעכט זיך רוק און ביין..

וואס זשע איז דערפון געדרונגען?
וואס זשע איז דערפון די סברה?
אז דער אלטער ווענידזעלאס
האט א יונגען יצר הרע...

אט דער אלטער, אלטער תרח,
וואס האט אויסגערוהט א ביסעל
האט בעקומען פּלוצלונג חשק,
צו דער אלטער פעטער שיסעל...

פונקט אזוי א גרויער זקן,
וועלכער קען נאך קוים זיך ריהרען
שפּירט אין זיך א „כוח גבראי"
וויל נאך חתונה פּרובירען...

# פּיטעל און טרייטעל



ווי גענט עס אייך ר' פּיטעל?

— נישט ווי אמבעסטען, איך האב אויסצוהאל־טען א ווייב מיט פיר קינדער—און אייך ווי גענט עס עפּעס ר' טרייטעל?

— מיר איז נאך ערגער: — איך האב איין קינד מיט פיר ווייבער.

## ביידע שענקען זיך
### דער ווירט און דער זשורנאליסט

א היגער זשורנאליסט איז שולדיג געווען דעם ווירט פאר 2 יאהר דירה־געלד, דער ווירט, וואס איז גראד נישט געווען קיין דבר אחר, האט איהם געמאכט א פארשלאג:

— בעצאהלט מיר די ערשטע העלפט. די צווייטע העלפט שענק איך אייך.

— און איך, האט דער זשורנאליסט געזאגט — וויל אויך נישט בלייבען הינטערשטעליג—איך שענק אייך די ערשטע העלפט.

## זיין עצה
### א פּארל „ווּיט" זיך

אין דער צוקערניע ביי א טישעל זיצט א בחור מיט א מיידעל וואס זענען געקומען זיך „שויען". זאגט די כלה:

— זי ווייסען, אויף דער וועלט איז שוין אזוי: א ברונעטער האט חתונה מיט א בלאנדינקע, א הויכע האט חתונה מיט א קליינעם, א דיקער האט חתונה מיט א שטשופּלע.

— יא, אזוי איז עס טאקע, איך וואלט איהן טאקע געראטען זי זאלען חתונה האבען מיט א שעה נעם — האט דער חתן־בחור געזאגט.

## מ'האט איהם בעליידיגט
### צווישען קאוואלערען

וואס איז עפּעס נישט געווארען פון שידוך, וואס מען האט דיר גערעדט?

— די מחותנים האבען מיך בעליידיגט.

— ?

— איך בין געווען אויף בעשויאונג האבען זיי מיך מכבד געווען מיט פּאמעראנצען.

רעלעם.

## ס'איז נאך נישט אזוי

קינד: מאמעשי, דער טאטעשי האט מיר גע־זאגט, אז ווען נישט ער, וואלט איך איצט נישט געווען אויף דער וועלט — איז דאס אמת?

מוטער: דער טאטעשי האט זיך ליב צו בערים־מען און טוט איביג איבערטרייבען.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 64 פרייטאג, דעם 15 מערץ 1935

# דעם סעקוועסטראטאר'ס טרעהרען...




סעקוועסטראטאר: טייערע זשידקעלעך, וואס וועל איך טון אהן אייך?..

